# פנים מאירות א לעכטיגן גוט מארגן ערב שבועות ב סיון תשפו

**קול פנים מאירות 845-414-8211 מערכת 845-414-8212**

א גוט מארגן, דאנערשטאג, די וואך פון שבועות, ערב יום טוב שבועות, ה׳ לחודש סיון תשפ״ו. ״היום תשעה וארבעים יום שהם שבעה שבועות לעומר״. א פרייליכן און א לעכטיגן געבענטשטן גוט מארגן, א פרייליכן און א לעכטיגן געבענטשטן טאג, א פרייליכן און א לעכטיגן געבענטשטן ערב יום טוב, א פרייליכן און א לעכטיגן געבענטשטן יום טוב, און א פרייליכן און א לעכטיגן געבענטשטן תמיד.

הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, היינט מאכט מען די גרויסע סיום אויף די גרויסע מצוה פון ספירת העומר תשפ״ו. יעדע סיום איז א געוואלדיגע שמחה, מ׳האט מסיים געווען אזא גרויסע מצוה וואס האט גענומען ניין און פערציג טעג ברציפות. ברוך ה׳, ברוך הוי׳, הודו לו ברכו שמו, מ׳האט זוכה געווען מקיים צו זיין די מצוה, און דער אייבערשטער זאל העלפן אז מ׳זאל זוכה זיין צו די אלע תיקונים וואס די אלע טעג האבן אונז געדארפט ברענגען און צוגרייטן צו קבלת התורה.

היינט איז א געוואלדיגע פרייליכע טאג, אידישע קינדער לעבן אין שמחה, מ׳גרייט זיך צו די יום טוב בשמחה, אלעס טוט מען בשמחה. הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, אונז מוז מיר ווייזן פאר אונזערע קינדער די גרויסע שמחה פון קבלת התורה. די הכנות, די קאכן, די באקן, די רוימען, די איינקויפן, ס׳מוז זיין מיט א געוואלדיגע התרגשות, מיט א געוואלדיגע שמחה.

די היינטיגע טאג און די קומענדיגע צוויי טעג דארף אויסקוקן אין יעדע אידישע שטוב ווי א טאג וואס מ׳מאכט חתונה א בן יחיד, ווי א טאג וואס מ׳מאכט חתונה די יונגסטע קינד. געוואלדיגע התרגשות, געוואלדיגע שמחה, געוואלדיגע הרגשים, געפילן פון פרייליכקייט, לעכטיגקייט, דערהויבנקייט. אונז לעבן אין א שווערן גלות פון עקבתא דמשיחא. כדי צו ווייזן פאר אונזערע קינדער אז ס׳איז נישטא קיין גרעסערע שמחה ווי תורה, ווי קבלת התורה, ווי מקיים זיין די תורה. די קינדער דארפן זען, און די אמת איז, אונז אליין דארפן מיר זען ביי זיך אליין, און אונזערע חברים דארפן זען איינער ביים צווייטן, איין איד ביים צווייטן.

אז ס׳איז נישטא מער אן התרגשות׳דיגער, פרייליכער, לעכטיגער, שמחה׳דיגער, דערהויבענע, לויטערע טאג ווי ערב שבועות און די צוויי טעג פון יום טוב שבועות. הייליגע לעכטיגע קינדער, חזק חזק ונתחזק. אונז דארפן זיך אליין מחזק זיין און מחזק זיין אנדערע. דאס איז אונזער יסוד פון אונזער קיום אין דעם גלות - תורה. אבער ס׳מוז זיין מיט ״פקודי ה׳ ישרים משמחי לב״, ״הנחמדים מזהב ומפז״. אונז דארפן מיר ווייזן אז דאס איז די שענסטע אין אונזער לעבן, די געשמאקסטע אין אונזער לעבן.

דאס קען מען נאר ארויסגעבן ווען מ׳קוקט אויף די צורות פון די מענער, פון די פרויען, פון די עלטערן, פון די זיידעס און באבעס, פון די יונגע און די אלטע, די מיטל-יעריגע. מ׳זעט די צורות, דערקענט מען וואס דער טאג איז. ווען א מענטש מאכט חתונה זיין עלטסטע קינד, זיין יונגסטע קינד, זיין בן יחיד - מ׳זאל אנכאפן ועלכע משל מ׳וויל נאר. איינער וואס האט נישט געהאט חלילה קיין קינדער יארן און ער האט זוכה געווען צו איין קינד, און ער מאכט ענדליך חתונה דעם קינד. וואסערע משל דו ווילסט זיך נאר פארשטעלן וואס איז די גרעסטע שמחה ביי א מענטש, די התרגשות טויזנט מאל און מיליאנען מאל מער דארף אויסקוקן די דריי טעג.

כדי צו אריינברענגען אין זיך, אריינקריצן אין זיך און אין אונזערע קינדער, דאס איז אונזער לעבן, ״כי הם חיינו ואורך ימינו ובהם נהגה יומם ולילה״. דער פחד יצחק פון בויאן האט געזאגט, די גמרא זאגט ״הכל מודים בעצרת דבעינן נמי לכם״. יעדער איינער איז מודה אין שבועות אז מ׳דארף עוסק זיין אין ״לכם״. ״לכם״ מיינט אז מ׳דארף זיך וואשן און עסן און טרינקען כדי

ארויסצוברענגען אונזער שמחה, אונזער פרייליכקייט אז אונז זענען מיר מקבל די תורה מתוך שמחה, מיט א קבלת עול של שמחה.

זאגט דער בויאנער, שטייט אין מדרש אז ביי קבלת התורה האט די מדת הדין מקטרג געווען און געזאגט פאר'ן הייליגן באשעפער, "פארוואס געסטו די תורה פאר די בשר ודמ'ס? זיי גייען דאך עובר זיין אויף די תורה, זיי גייען דען קענען היטן די תורה?" האט דער הייליגער באשעפער געענטפערט, "סיי ווען זיי וועלן זיין זכאי, סיי ווען זיי וועלן זיין חייב, איך גיי זיי העלפן, איך דארף זיי העלפן."

"הכל מודים בעצרת דבעינן נמי לכם" - "לכם" איז ראשי תיבות "ל'א כ'נגד מ'דה". דער אויבערשטער האט צוגעזאגט פאר אידישע קינדער אז אויב מ'וועט מקבל זיין די תורה, אפילו זיי גייען אסאך מאל חלילה זיך נישט אויפפירן ווי ס'באדארף צו זיין, דער אויבערשטער גייט נישט גיין מיט זיי מדה כנגד מדה, נאר "לא כנגד מדה". דער הייליגער באשעפער גייט זען אז מ'זאל מליץ יושר זיין אויף אידישע קינדער. דער הייליגער באשעפער גייט מיט אידישע קינדער דורך קבלת התורה במדת הרחמים, מבטל זיין די דינים און ברענגען רחמים וחסדים.

ממילא, הייליגע, לעכטיגע אידישע קינדער, ווען ס'קומט אזא הייליגע יום טוב שבועות, אידישע קינדער זענען מקבל די תורה מיט א הכנעה, מיט א ביטול צום אייבערשטן, מיט א שמחה צום הייליגן באשעפער, דער הייליגער באשעפער זאגט, "איך גיי ענק געבן ישועות, מבטל זיין אלע גזירות רעות. דער אייבערשטער זאגט אז ער וועט ממשיך זיין אויף אידן אהבת עולם, חסד, נחמות, ברכות, אלעס וואס אידישע קינדער דארפן דורך די קבלת התורה באהבה ובשמחה.

ס'איז אזא געוואלדיגע טאג, אונז קענען מיר אזויפיל פועל'ן ביים אייבערשטן, אזויפיל אויפטון ביים אייבערשטן. דער אייבערשטער געט אונז אזויפיל ווייל אונז זענען מיר מקבל די תורה באהבה ובשמחה. ס'דארף זיך שפרינגען פון שמחה, מ'דארף נישט קענען שלאפן, איך קען מיך נישט האלטן רואיג, איך בין אזוי פרייליך, איך בין אזוי איבערגענומען וואס קבלת התורה ברענגט אלץ.

ווען א איד דרייט זיך ארום אין שבועות, ערב שבועות, נאך שבועות, די הייליגע טעג פון קבלת התורה, מיט עצבות ומרה שחורה, איז א סימן אז ער האט נישט מקבל געווען די תורה בפנימיות, ער האט עס נאר מקבל געווען בחיצוניות. וואס איז פשט? אזוי שטייט אין די ספרי חסידות. פשט דערפון איז, ווייל ווען א מענטש באקומט א טייערע מתנה און ער פארשטייט ווי טייער די מתנה איז, ער האט ארויס די טייערקייט, די טיפקייט פון די מתנה, איז ער מורא'דיג בשמחה, אן אינערליכע שמחה. אבער טאמער אונז געבן פאר א קינד די מתנה, וואס דער קינד פארשטייט נישט וואס דאס איז און וואס איז די גרויסקייט פון דעם, ער האט נישט ארויס די פנימיות פון די מתנה, וועט ער נישט זיין בשמחה.

א איד וואס ער האט ארויס וואס אונז פארדינען מיר אלץ פון די תורה הקדושה, סיי אונז האבן מיר א וועגווייזער אויף יעדע טריט און שריט, סיי אונז האבן מיר דארטן אלעס וואס אונז דארפן מיר, רפואות און ישועות, א מהלך החיים, פאר אונזער גוף, נפש, רוח און נשמה. יעדע זאך אין אונזער לעבן איז דא אין די תורה. ס'הייליגט אונז, ס'לויטערט אונז, ס'רייניגט אונז, ס'דערהייבט אונז. אונז לעבן מיר בכלל נישט אין א מגושמ'דיגע לעבן, אונז האבן מיר כוחות און מוחות, אונז האבן מיר געוואלדיגע געוואלדיגע השגות, אונז האבן מיר מעגליכקייטן וואס א בשר ודם וואס לעבט נישט אין תורה האט נישט.

אונז דארף מיר אנערקענען, די תורה הקדושה איז אויף די וועלט און אויף יענע וועלט, און ווען מ'לערנט עס, און ווען מ'איז

עס מקיים, און מ׳איז עס מקבל בשמחה, געט אונז דער אייבערשטער אזויפיל גוטס בזה ובבא. ס׳איז פאר אונז נאר גוט, ״טעמו וראו כי טוב ה׳״.

אין ירושלמי שטייט אין מסכת ראש השנה פרק ד׳, רבי משרשיא זאגט בשם רבי אידי, ביי אלע קרבנות שטייט ״שעיר עזים לחטאת״, ביי שבועות שטייט ״שעיר עזים אחד לכפר עליכם״, שטייט נישט ״לחטאת״. זאגט די גמרא ירושלמי, דער הייליגער באשעפער זאגט פאר אידישע קינדער, וויבאלד איר האט מקבל געווען אויף זיך די תורה, פארעכן איך ענק כאילו איר האט׳ס קיינמאל נישט געזינדיגט אין אייער גאנצע לעבן. זאגט דער קרבן העדה, יעדעס יאר אין שבועות, ווען ס׳קומט דער טאג וואס מיר זענען געשטאנען פאר׳ן הר סיני, און אידישע קינדער זענען מקבל די תורה פון דאסניי, זענען זיי אין א מצב ווי זיי האבן קיינמאל אין זייער לעבן נישט געזינדיגט. דער הייליגער באשעפער איז מוחל אונזערע עוונות כאילו אונז האבן קיינמאל נישט געזינדיגט.

זאגט דער רבינו בחיי אין פרשת פנחס, אז פשט דערפון איז, ווייל ״גר שנתגייר הרי הוא כקטן שנולד״, איז אזוי ווי ער איז יעצט געבוירן געווארן. אידישע קינדער ביי מתן תורה האבן זוכה געווען צו זיין אזוי ווי זיי זענען געבוירן געווארן. און א מענטש ווערט געבוירן האט ער נישט קיין חטא, און יעדעס יאר ווען ס׳קומט שבועות און אידישע קינדער זענען מקבל די תורה, דער אייבערשטער פארעכנט זיי ווי זיי זענען יעצט געבוירן געווארן, און זיי האבן קיינמאל נישט געהאט א חטא, אזוי ווי דער רבינו יונה ברענגט אז א בעל תשובה איז א קטן שנולד, און דער רמב״ם רופט עס אן כמו אדם אחר, ווי א נייער מענטש.

יא הערט וואס דא טוט זיך, די אלע עצבות ומרה שחורות, די אלע יסורים, די אלע שווערע קייטן, די אלע מחלוקת קריגערייען, די אלע שוואכע מינוטן אין אונזער לעבן, אלעס ווערט יעצט אויסגעהיילט, אלעס ווערט יעצט פארראכטן, דער אייבערשטער איז אונז אלע מוחל, אז אונז העמיר ערב שבועות אין די צוויי טעג פון שבועות, און אונז גיימיר ווייטער ממשיך זיין אינעם יאר, מיט שמחת התורה אן קיין כעס, אן קיין מחלוקת, אן קיין פירוד לבבות, אן קיין קנאה שנאה ותחרות, אן קיין לשון הרע און רכילות, אן קיין לעבן אין ווייטאגן, אן לעבן און דינען די איך מיך זיך, די חומריות, די גשמיות, די מגושם׳דיגע הנאות, אונז גיימיר זיך מבטל זיין אונזערע רצונות צו די רצון השם, און גלייבן אז אלעס טוט נאר די אייבערשטע, און אלעס וואס אונז דארפן איז פון די אייבערשטער, און אלעס איז דא אין די תורה, דורך לערנען תורה, דורך מקיים זיין די תורה, האבן מיר אלעס און אונז וועלן מיר האבן אלעס.

די טאג פון שבועות, די טאג פון קבלת התורה, איז א זמן וואס דער הייליגער באשעפער האט ארויסגעוויזן א געוואלדיגע אהבה צו אידישע קינדער. דער גר״א זאגט, אז ווען אונז זאגט מיר אהבה רבה אהבתנו, דאס גייט ארויף אויף מתן תורה, אזוי ווי אונז זאגט מיר ביים דאווענען ראש השנה, אתה נגלית בענן כבודך על הר סיני. ברענגט ער דארט בשם די גר״א, מען זאגט יום טוב ביים דאווענען ״אתה בחרתנו מכל העמים, אהבת אותנו״. זאגט ער אזוי: ״אתה בחרתנו״ איז געווען פסח, ״אהבת אותנו״ איז געווען שבועות, ״ורצית בנו״ איז געווען סוכות. אבער ״אהבת אותנו״, די אהבה וואס דער אייבערשטער האט אונז געוויזן, איז שבועות, ווייל דער אייבערשטער האט אונז געגעבן די טייערסטע און די גליקליכסטע און די שענסטע זאך אויף דער וועלט וואס דאס רופט זיך די תורה.

זאגט דער בית אהרן אז ווען א איד איז בשמחה אין די טאג פון קבלת התורה, דער הייליגער יום טוב שבועות, דארף א יעדער

איד גלייבן אז ער באקומט זיין חלק אין תורה, פונקט דאס וואס דער אייבערשטער וויל אים געבן, און ער דארף גלייבן אז ער ווערט אויסגעלייטערט און ער ווערט אויסגערייניגט, ס׳איז נישט דא קיין עבר, אלעס פון צוריק קען מען פארגעסן יעצט, ער איז א איש אחר. אבער, זאגט דער בית אהרן, ער מוז דאס טון בשמחה און מקבל זיין די תורה מהיום והלאה בלב שלם.

ס׳האט פארציילט רבי יחיאל פון ווארשא, האט ער פארציילט פאר רבי אלעזר קאזשניצער אזא מעשה. איינמאל איז געקומען א רוז׳ינער חסיד צום הייליגן רוז׳ינער, און ער האט אים פארציילט אז אפאר וואכן פריער איז ער געווען ביים הייליגן אפטער רב, און ער האט געהערט אז דער אפטער רב האט געזאגט אויפן הייליגן רוז׳ינער אז ער איז א שוטה. דער רוז׳ינער איז געווארן זייער אנגעצויגן פון דעם, ס׳האט אים זייער וויי געטון.

און מיר מוזן פארשטיין, הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, אז די צדיקים האבן נישט געלעבט א גשמיות׳דיג לעבן. דער הייליגער אוהב ישראל פון אפטא איז געווען א הימליגער איד, און דער הייליגער רוז׳ינער איז געווען א הימליגער איד. דער הייליגער רוז׳ינער איז געווען אסאך יונגער פונעם הייליגן אפטער רב. דער הייליגער אפטער רב איז געווען דער זקן הדור, דער זקן הרבנים בדורו. און אז דער הייליגער אפטער רב האט געזאגט אויפן רוז׳ינער אז ער איז א שוטה, האט דער רוז׳ינער פון דעם פארשטאנען אז ער האט א פגם אין עבודת השם. און אזוי ווי דער הייליגער רוזשינער האט נישט פארשטאנען וואסערע פגם האט עס אים זייער וויי געטון. און ס׳איז אויך דא א חז״ל א חזקה אז לשון הרע ווערט אנגענומען על הלב, מענטשן גלייבן עס, ובפרט אז אזא חשוב׳ער איד ווי דער חסיד האט געברענגט די לשון הרע, מ׳האט געוואוסט אז ער איז אן איש נאמן, א באגלייבטער מענטש. ס׳איז געווארן א קאך צווישן די רוזשינער חסידים קעגן דעם הייליגן אפטער רב.

איז געווען דארט איינער פון די חסידים וואס דער אייבערשטער האט אים חונן דעת געווען, און ער האט געזען אז דא קען ווערן א וועלט׳ס מחלוקת. ער האט עס געוואלט אפהאלטן. ״המברך את עמו ישראל בשלום״, ער האט פארשטאנען אז נאר שלום קען ברענגען א טובה, נאר שלום איז צד הקדושה. איז ער אריינגעגאנגען צו די רביצין, די מאמע פונעם הייליגן רוזשינער, און ער האט געזאגט פאר די רביצין, די מאמע פונעם רוזשינער, דא קען געשען א וועלט׳ס מחלוקת, און דאס וועט נישט זיין קיין קידוש השם, און דאס וועט נישט זיין גוט פאר קיין איינעם, נישט פאר די רוזשינער הויף און נישט פאר די אפטער הויף און נישט פארן כלל ישראל. ער בעט פון די רביצין זי זאל בעטן פון איר זון, דעם הייליגן רוזשינער, זאל פארן אויף אפטא און זיך דורכקומען מיטן הייליגן אפטער רב.

די אלטע רביצין איז אריינגעגאנגען און באפוילן פאר איר זון ער זאל שוין פארן אויף אפטא. נו, ס׳איז דאך נישט קיין שאלה, מצות כיבוד אם. דער הייליגער רוזשינער האט נישט געטראכט קיין צוויי מאל, ער האט גענומען גדולי החסידים מיט די גבאים, און מ׳פארט ארויס צו גיין צו אפטא. ער האט מיטגענומען דער איד וואס האט געברענגט די לשון הרע אויך.

דער הייליגער אפטער רב איז שוין געווען זייער שוואך, אבער ער האט געהערט אז דער הייליגער רוזשינער קומט צו אים, האט ער געזאגט פאר זיינע קינדער ער וויל אים קעגנגיין. ער וויל נישט אז דער רוזשינער זאל קומען די ערשטע מאל צו אים אין שטוב, ער וויל זיך טרעפן מיט אים ביי א קבלת פנים אינמיטן די שטאט. דער הייליגער אפטער רב טראץ וואס ער איז שוין געווען אזוי אלט און שוואך, האבן אים די קינדער באגלייט, און די גבאים האבן אים ארויסגענומען מקבל פנים זיין דעם הייליגן רוז׳ינער. ווען זיי האבן זיך צוזאמגעטראפן, זענען זיי געווארן זייער פרייליך איינער צום צווייטן, זייער ווארעם, זענען צוזאמען געפארן אויף איין וואגן, און דער הייליגער אפטער רב האט צוגעגרייט א גרויסע סעודה. אינמיטן די סעודה, מ׳האט

געשמועסט דברי תורה און דברי חול הצריכים לימוד, האט זיך דער הייליגער רוז׳ינער אנגערופן, ״אפטער רב, פארוואס האט איר מיך גערופן מיט א פארשעמטן נאמען שוטה?״

דער אפטער רב האט געגעבן א ציטער אויף, און ער האט זיך געגעבן א שטעל אויף, און ער האט געזאגט, ״מי זה ואיזה הוא אשר מלאו לבו לעשות כן? ווי אזוי קען מען אויף מיר מוציא לעז זיין אז איך האב גערעדט קעגן קדוש ישראל ותפארתו?״

איז געווען דארטן אן אפטער חסיד, און ער האט ארומגעקוקט צווישן עולם, און ער האט געזען איינער פון די רוז׳ינער חסידים ווערט בלאס ווי די וואנט. האט ער פארשטאנען אז מסתמא איז ער דער בעל מוציא שם רע. איז ער שנעל געגאנגען צו דעם יונגערמאן, און ער זאגט אים, ״קום ארויס מיט מיר.״ ער איז ארויסגעגאנגען, פרעגט ער אים, ״דו האסט געהערט פון אונזער רבי׳ן, פונעם אפטער רב, די ווערטער?״ זאגט ער, ״יא.״ זאגט ער, ״דו האסט געהערט אז ער האט געזאגט אויפ׳ן רוז׳ינער? זאג מיר איבער די לשון.״ האט ער געזאגט, ער האט נישט געזאגט די ווארט ״רוז׳ינער״, ער האט געזאגט, ״ר׳ ישראל׳טשע איז א שוטה.״

האט דער אפטער חסיד געגעבן א שפרינג ארויס בשמחה, און ער האט געזאגט, ״זייער גוט. איך בין אויך דארט געווען, און איך האב עס אויך געהערט פונעם הייליגן רבי׳ן, דער אפטער רב. אבער איך גיי דיר פארציילן וועמען ער האט געמיינט. אין מעזשביזש האט געוואוינט דארטן איינער וואס האט געהייסן ישראל, און איין טאג האט ער מודיע געווען אז ער איז אן בעל שם טוב. ער הייסט ישראל בעל שם טוב, ער מאכט אותות ומופתים, ער איז א הימל איד. מ׳האט עס פארציילט פאר׳ן הייליגן אפטא רב, האט דער הייליגער אפטא רב זיך אנגערופן אויף דעם ישראל, ״דער ישראל׳טשע, איז דאך א שוטה, ער האט בכלל נישט גערעדט״ אין זינען געהאט דעם הייליגן רוזשינער.

דער אפטא חסיד איז געווארן אזוי בשמחה, ער איז צוריק אריינגעגאנגען צו די סעודה וואו ס׳זענען געזעסן די צוויי צדיקים קדושים וטהורים, און ער האט מודיע געווען אז דער וואס האט מוציא געווען די לעז איז דא און ער וויל עפעס זאגן. ער איז צוגעגאנגען צו די צוויי צדיקים, ער האט זיי איבערגעבעטן, ער האט קלאר געמאכט די מעשה וואס איז געווען, און ס׳איז געווען ניכרים דברי אמת, און ס׳איז געווארן א געוואלדיגע קשר אותות של אהבה צווישן דער הייליגער אפטא רב און דער הייליגער רוזשינער. מ׳האט געבענטשט, און דער רוזשינער האט זיך אויפגעשטעלט, ער איז שוין גרייט אהיימצופארן. ער האט זיך אריינגעזעצט אויפ׳ן פערד און וואגן און מ׳איז געפארן.

אינמיטן וועג האט דער הייליגער רוזשינער געהייסן אפשטעלן די גאנצע פמליא וואס איז געפארן, אלע פערד און וועגענער. ער האט געהייסן ברענגען א מיטה וואס מ׳נוצט אין בית הקברות וואו מ׳לייגט ארויף די נישט לעבעדיגע רחמנא ליצלן. ער האט געהייסן אז דער וואס האט מוציא לעז געווען אויפ׳ן הייליגן אפטא רב, אז מ׳זאל אים ארויפלייגן אויף דער בעטל, מ׳זאל אים אריינטראגן אין בית החיים, מ׳זאל גראבן א קבר און מ׳זאל אים דארט אריינלייגן לעבעדיגערהייט, און מ׳זאל שרייען ״צדקה תציל ממות״. מ׳האט אזוי געטון, און נאכדעם האט דער הייליגער רוזשינער געהייסן אז מ׳זאל אים ארויסנעמען און מ׳קען פארן ווייטער, מ׳קען ממשיך זיין מיט די נסיעה.

האט דער הייליגער רוזשינער מסביר געווען אז דער מענטש האט געהאט אויף זיך א קפידא פונעם הייליגן אפטא רב, און דער אפטא רב האט אים געוואלט מעניש זיין. ווען דער הייליגער רוזשינער האט דאס געזען ברוח הקודש, האט ער אים אריינגעלייגט אין א קבר, אזוי אז פאר אפטער רב האט אויסגעקוקט ווי ער לעבט שוין נישט, און אזוי האט ער אויפגעהערט

מקטרג צו זיין אויף אים און זען אז מ׳זאל אים מעניש זיין, האט ער געקענט, דער הייליגער ריזשינער, ממתיק זיין די דינים און מאכן ״צדקה תציל ממות״.

הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, וואס זעען מיר פון דעם? שטייט ביי יוסף הצדיק ״וישנאו אותו״, און נאכדעם שטייט ״ויוסיפו עוד שנא אותו״. זיי האבן אים פיינט געהאט, און זיי האבן נאך פארמערט אים מער פיינט צו האבן. קומט אויס אז יעדן טאג האט זיך געשטארקט די שנאה. שטייט אויך אין פסוק ״ולא יכלו דברו לשלום״. טייטשן די ספרים הקדושים, ווייסט פארוואס ״וישנאו אותו״? ווייל ״ולא יכלו דברו לשלום״, ווייל זיי האבן זיך נישט צאמגעזעצט פנים אל פנים און דורכרעדן און מאכן א שלום שמועס, און דורכשמועסן וויאזוי מ׳קען זיך דורכקומען, אזויווי ס׳איז געווען דא ביים הייליגן ריזשינער און ביים הייליגן אפטער רב.

די גמרא ברענגט אין מסכת ברכות דף כ״ח עמוד א׳, רבן גמליאל, דער גרויסער רבן גמליאל וואס איז געווען דער נשיא און ראש ישיבה, האט פוגע געווען אין די כבוד פון רבי יהושע, האט מען אים געמאכט אויס נשיא. וואס האט רבן גמליאל געטון? ער איז געגאנגען צו רבי יהושע אין שטוב, און זיי האבן זיך איבערגעבעטן און דורכגעקומען.

שטייט אין די משנה, ״אל תדון את חברך עד שתגיע למקומו״. טייטשן די ספרים הקדושים, זאלסט נישט דן זיין דיין חבר לכף חובה, זאלסט נישט טראכטן אז דיין חבר וויל דיר שלעכטס טון, זאלסט נישט רעדן אויף אים לשון הרע, זאלסט נישט קומען צו קיין שום מסקנות ״עד שתגיע״, ביז דו וועסט דערגרייכן, ״למקומו״, צו זיין פלאץ. דאס טייטש, דו וועסט גיין צו אים, דו וועסט זיך טרעפן מיט אים פנים אל פנים און מברר צו זיין יעדע זאך. וואס דעמאלטס וועסטו זען אז אלעס איז גוט, מ׳קומט זיך אדורך.

**הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, אונז דארפן מיר זיך דורכקומען בין אדם לחבירו, מ׳טאר נישט אונטער׳ן רוקן גארנישט טון אויף מענטשן. נישט מיט די אייגענע עלטערן, מיט א זיידע און א באבע, מיט א טאטע און א מאמע, מיט ברידער און שוועסטער, שוואגערס און שוועגערינס, און מיט אלע אידן, ארבעטער מיט ארבעטסגעבערס, און אפילו תלמידים מיט זייערע רבי׳ס, רבי׳ס מיט זייערע תלמידים. נישט קיין חילוק ווער, וואס, און ווי. ארבעט נישט אונטער׳ן רוקן. דו ביסט ברוגז, דו האסט טענות, דו שפירסט איבערגעשטרענגט, און וואס אלטס דו שפירסט, קיינמאל, קיינמאל, קיינמאל נישט אונטער׳ן רוקן.**

**ס׳איז די גרעסטע מאס רשעות און רציחה. ס׳איז די גרעסטע פירוד לבבות און הארץ ווייטאג, און עגמת נפש, און ברענגן טייכן טרערן. די אלע זאכן גייען ארויף אויבן אין הימל, און ס׳מאכט זייער א טיפע איינדרוק. די יסורים וואס מענטשן האבן ווען מ׳בארעדט, ווען מ׳איז מוציא לעז, ווען מ׳רעדט לשון הרע, ווען מ׳מאכט א פירוד לבבות, ווען מ׳צוקריגט, ווען מ׳בלאזט, ווען מ׳טוט יענעם איגנארירן, ווען מ׳טוט יעדע זאך קעגן א מענטש, און דו האסט זיך נישט אראפגעזעצט.**

**די יצר הרע קומט און ער זאגט פאר מענטשן, ״מ׳קען זיך מיט יענעם נישט אראפזעצן. יענער רעדט און רעדט און רעדט. יענער ווערט אין כעס און ער האט אויסברוכן. יענער איז מסביר לאנגע ביאורים.״ הייליגע לעכטיגע**

**אידישע קינדער, אין די תורה שטייט עס נישט. די הייליגע רוזשינער מיט'ן אפטער רב זענען געווען צדיקי הדורות, און זיי האבן אונז געוויזן די וועג. און רבן גמליאל מיט רבי יהושע האבן אויכעט געוויזן די וועג.**

**אויב דו ווילסט באמת דורכקומען, וועט די אייבערשטער העלפן ס'זאל זיין חן, חסד ורחמים, און מ'וועט האבן די ריכטיגע שפראכן. אויב מ'גייט צו מיט כח ועוצם ידי, טאקע נישט. אויב מ'גייט צו מיט כח התורה, כח פון אמונה, כח פון "איך וויל טון די רצון השם", דער אייבערשטער גיבט די כוחות. מוחות און די חן.**

**הייליגע טייערע אידישע קינדער, בלאז נישט, איגנאריר נישט, בארעד נישט, האק נישט אפ, סטראשע נישט מענטשן, זיך מיט דעם מענטש פנים אל פנים, נאכאמאל און נאכאמאל, ארבעט אויף דעם, דאס וויל דער אייבערשטער. דער אייבערשטער זאל אפהיטן די צער פון טאטעס און מאמעס, פון זיידעס און באבעס, פון ברידערס און שוועסטערס, פון חברים, פון חברט'עס, ווען פלוצלינג יענער בלאזט אויף מיר, יענער איגנארירט מיך, יענער בארעדט מיך, יענער האט אפגעהאקט. דאס איז יסורים, דאס איז בושות, דאס איז בזיונות, דאס איז דערנידערונג, דאס איז די גרעסטע פירוד לבבות, די גרעסטע שנאת חינם. מענטשן טרערן, מענטשן וויינען, מענטשן זענען פארביטערט. דער הייליגער באשעפער, לאזט דאס נישט טוהן, דאס רייסט וועלטן, שומו שמים, וועלטן ווערן אויפגעשאקלט פון די יסורים. דער אייבערשטער וויל פון דיר גארנישט, נאר טו די דרך התורה, קום דיך אדורך פנים אל פנים, דאס איז די רצון הבורא. און ס'שטייט נישט אין קיין איין ספר, נישט הלכה, נישט מוסר, נישט חסידות, אנדערש, און ס'איז נישטא אן אנדערע תורה, וזאת התורה לא תהא מוחלפת, דאס איז די ריכטיגע קבלת התורה.**

שטייט אין די גמרא אין עבודה זרה, רבי יוחנן זאגט אז דער הייליגער באשעפער איז ארומגעגאנגען צו אלע אומות העולם פרעגן אויב זיי ווילן מקבל זיין די תורה, און זיי האבן נישט געוואלט, ביז דער אייבערשטער איז געקומען צו אידישע קינדער, און אידישע קינדער האבן עס מקבל געווען. אין ספר אמת ליעקב ברענגט ער, ער האט געהערט פון זיין רבי'ן מהר"י סג"ל, פארוואס האט דער הייליגער באשעפער פרובירט אפילו ארומצוגיין צו די אומות העולם? דער אייבערשטער האט דאך געוואוסט, אין דבר נעלם מאתו יתברך, אז די גוים, די אומות העולם, זיי קענען דאס נישט מקבל זיין, זיי וועלן דאס נישט מקבל זיין, וואס האט דער רבונו של עולם בכלל ארומגעגאנגען?

האט ער געזאגט די טעם, ווייל דער הייליגער באשעפער האט געוואלט משפיע זיין השפעות טובות פאר אידישע קינדער, האט דער אייבערשטער ארומגעגאנגען צו די גוים, און דער אייבערשטער האט זיי געפרעגט צו זיי ווילן מקבל זיין די תורה, און זיי האבן געזאגט ניין. זאגט דער אייבערשטער יעצט פאר די מקטרגים, מה דאך די גוים וואס האבן אפגעזאגט ניין, זיי ווילן נישט מקבל זיין די תורה, און אפילו הכי דער הייליגער באשעפער איז א משפיע, דער אייבערשטער גיבט זיי פרנסה, גיבט זיי אלע גוטע עולם הזה'דיגע זאכן, על אחת כמה וכמה אידישע קינדער וואס האבן מקבל געווען די תורה מיט אמונה פשוטה, און מיט שמחה, מיט א אהבה פון נעשה ונשמע, אוודאי דארף מען זיי משפיע זיין עושר, חכמה, און כבוד, און אלע השפעות טובות.

**פנים מאירות א לעכטיגן גוט מארגן ערב שבועות ב סיון תשפו**

**קול פנים מאירות 845-414-8211 מערכת 845-414-8212**

הייליגע טייערע אידישע קינדער, אויב אונז היטן די תורה, אונז דינען די תורה, נישט זיך, נישט מיך אליין, נישט זארגן אזוי פאר זיך, נאר זארגן פאר יענעם, פאר די תורה מיט מסירות נפש, פאר אהבת חינם, פאר אהבת ישראל, פאר אהבת התורה, פאר אהבת הבורא, זיך מכניע זיין צו די תורה, צו די תורה הקדושה, צו אידישע קינדער, צו מידות טובות, צו תיקון המידות, דעמאלטס זאגט דער אייבערשטער, קוקטס מיינע קינדערלעך, מה דאך דער גוי וואס ער לעבט אין פירוד לבבות, וואס ער לעבט אין מחלוקת, ער לעבט אין עצבות און מרה שחורה, ער לעבט אין רשעות און רציחה און ווייטאג, אלעס פון א גוי איז ווייטאג, די שמחה פון א גוי איז יענעם ווייטאג, און פאשענען די אייגענע גוף פון צופרי ביז ביינאכט, פון ביינאכט ביז צופרי, האט אזויפיל גוטע זאכן.

**מיינע קינדער וואס זיי זענען זיך אזוי מוסר נפש, זיי זענען סובל אנדערע אידן, זיי זענען מקיים מצות כיבוד אב ואם, זיי זענען מקיים ואהבת לרעך כמוך, זיי זענען מקיים די לא תקום ולא תטור, זיי זענען מקיים די לא תשנא איש את עמיתו, זיי זענען מקיים די ואהבת את ה׳ אלוקיך, און זיי זענען מקיים די ואהבת לרעך כמוך מיט מסירות נפש, מיט איבערגעגעבנקייט און געטריישאפט. אוודאי, אוודאי, אוודאי, דער אייבערשטער וועט שיקן אלע אלע השפעות טובות**

הייליגע און רעכטיגע אידישע קינדער. מ׳זאל זוכה זיין צו א שמחת יום טוב, צו א שמחה תמידית. דער אייבערשטער זאל אונז שיקן אישר ועושר. ס׳זאל זיך עפענען צינורות פון השפעות ברוחניות ובגשמיות. מ׳זאל אויסגעהיילט ווערן פון אלע פעלערן. מ׳זאל זוכה זיין צו א גאנצע רפואת הנפש, רפואת הגוף, רפואת הנשמה. מ׳זאל זוכה זיין צו דינען דעם אייבערשטן מתוך הרחבה והרוחה, ליהודים היתה אורה ושמחה וששון ויקר. און מ׳זאל אנערקענען די זיסקייט און די שיינקייט פון די תורה.

און דער אייבערשטער זאל העלפן ס׳זאל זיין ״והשיב לב אבות על בנים ולב בנים על אבותם״. דא אויף דער וועלט זאלן אלע קינדער מיט די עלטערן, און עלטערן מיט די קינדער, שלום מאכן. אלע אידן זאלן שלום מאכן. און ״עושה שלום במרומיו הוא יעשה שלום עלינו״, און אונז שוין ברענגען משיח צדקינו, און א לעכטיגן תמיד, אמן כן יהי רצון.

גוט יום טוב, גוט יום טוב, גוט יום טוב.

קול פנים מאירות

שיעורים אויף אלע עניני החיים תכונת הנשמה הנפש והגוף עס ברענגט א נעימות החיים

פנים מאירות אשב״ש א׳מונה ש׳לום ב׳טחון ש׳מחה

845-414-8211